# ЛЕГЕНДЫ И СКАЗАНІЯ.

## Легенда о чашѣ.

—Скажи мнѣ, то правда-ль, родная:
Мнѣ дѣдушка нашъ говоритъ,
Что на небѣ чаша большая
Предъ Божьимъ престоломъ стоитъ,
И съ каждой бѣдою, что насъ постигаетъ
Отъ рукъ безпощадныхъ людей,
Въ ту чашу слеза упадаетъ
Со скорбныхъ Господнихъ очей,—
Когда же слезами до самаго края
Наполнится чаша святая,
На землю Мессія придетъ,
Мессія, чья слава въ молитвахъ поется,
Мессія, котораго ждетъ не дождется
Такъ долго нашъ бѣдный народъ?

* * *

—Да, милый, родной мой, то правда святая,—
Печально промолвила мать.
И смолкло дитя, размышляя,
Но скоро спросило опять:

—Когда же, родная, когда же слезами
Ужъ будетъ та чаша полна?
Быть можетъ, въ ней сохнутъ тѣ слезы вѣками?
Быть можетъ... бездонна она?—
И полные кротости, полные ласки,
Невинные, свѣтлые глазки
На мать устремило дитя.
Но мать, головою поникнувъ, стояла;
Слеза на рѣсницахъ ея задрожала...
Вотъ, яркимъ алмазомъ блестя,
Спадаетъ слеза на головку родную
И тихо на лобикъ течетъ...
О, Боже! пусть въ чашу святую
И эта слеза упадетъ!..

## דער כוס

— זאָג מיר, מאַמעניו, איך בעט דיך,
איז דאָס אמת, וואָס עס האָט
מיר דערציילט דער אַלטער זיידע,
אַז אין הימל, דאָרט, פאַר גאָט,
פאַר כביכול שטייט אַ בעכער,
און ווען מיר מוטשען זיך דאָ שווער,
האָט דער גרויסער גאָט רחמנות,
לאָזט אין כוס אַרײַן אַ טרער?

„אמת, קינד מײַנס!“ — זאָג נאָר, מאַמע,
איז דאָס אויכעט אמת, זיכער,

אַז קומען דעמאָלט וועט משיח,
ווען פאַרפולט וועט זײַן דער בעכער?
„אמת!“ און דאָס קינד פאַרקלערט זיך,
בלײַבט אַ רגע טרויעריק, שטיל,
פרעגט דערנאָכדעם: — ווען־זשע, מאַמע,
וועט דער בעכער זײַן שוין פול?

און עס הייבט די בלויע אויגן
טרוי׳ריק צו דער מוטער אויף:
— צי איז אָן אַ דנאָ דער בעכער,
וואָס מיר לײַדן אָן אַ סוף?
וואָס מיר לײַדן־אויס אין גלות
און דער כוס וויל פול נישט ווערן?
אפשר טריקענען דורך די יאָרן
אינעם בעכער אויס די טרערן?

צערודערט בלײַבט די מוטער זיצן,
אויפן פרומען קינד געבויגן,
און עס ציטערן די ברעמען
איבער טרוי׳ריק פײַכטע אויגן,
און עס פאַלן צוויי בריליאַנטן
אויפן קינדס פאַרקלערטן שטערן...

גאָט אין הימל! האָב רחמנות
נעם אין כוס אַרײַן די טרערן!

# דער בעכער

מוזיק — אליהו קאַנטאָר




מוזיק: סאָלאָמאָן גאָלוב

